№ 1 RADOMER EXPRESS

ראדאמער

# עקספרעס

8 זייטען — I-טער יאהרגאנג — פרייז 10 גר.

Adres redakcji i administracji: Radom, Piaski 14 — 22 sierpnia 1933 r. — ראדאם, דינסטאג פ׳ שופטים ל׳ אב תרצ״ג

5590

## צו דער יודישער בעפעלקערונג

## אין ראדאם און אומגעגענד!

ראדאם די שטאדט פון איבער 36.000 יודישע איינוואוינער האט ביז איצט נישט געהאט די טעגליכע יודישע צייטונג, דעם אייגענעם טאג-ארגאן אין וועלכען עס זאל זיך אבשפיגלען די בעדערפענישען פון אלע שיכטען, קרייזען, ארגאניזאציעס און פארטייען פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג אהן אונטערשיד פון זייער פאליטישער ריכטונג און געזעלשאפטליכער אנגעהעריגקייט.

געפונענדיג פאר נויטווענדיג די עגזיסטענץ פון אזא טעגליכער צייטונג אין דער יעצטיגער אנגעשטרענגטער צייט, און נאכקומענדיג דעם רצון פון די ברייטע מאסען, טרעטען מיר צו ארויסצוגעבען אין די נאהנסטע טעג א טאג-צייטונג א. נ.:

# „ראדאמער עקספרעס"

מיר זענען פאלקאם איבערצייגט אין דעם, אז אונזער ארבייט און מיה וועט געהעריג אפגעשאצט ווערען דורך די אלע גרויסע יודישע מאסען, וועלכע פיהלען אזוי ווי מיר די אומבעדינגטע נויטווענדיגקייט פון דער ערשיינונג און עגזיסטענץ פון א טעגליכען יודישען אומפארטייאישען ארגאן אין ראדאם.

„ראדאמער עקספרעס" איז די אומפארטייאישע טאג-צייטונג

„ראדאמער עקספרעס" איז די פרייע טריבונע פאר אלע יודען!

„ראדאמער עקספרעס" איז דער פערטיידיגער פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג!

„ראדאמער עקספרעס" דינט נאר דעם כלל!

„ראדאמער עקספרעס" איז דער בעסטער אינפארמאטאר פון אלע נייעסטע וועלט-געשעהענישען!

„ראדאמער עקספרעס" איז פערטרעטען דורך זיינע מיטארבייטער און קארעספאנדענטען אויף דער גאנצער וועלט!

„ראדאמער עקספרעס" האט די נייעסטע ידיעות פון אלע טעלעגראף-אגענטורען!

„ראדאמער עקספרעס" דרוקט די אינטערעסאנטסטע ראמאנען, נאוועלען, ערצעהלונגען און ארטיקלען פון די בעסטע שריפטשטעלער און זשורנאליסטען.

„ראדאמער עקספרעס" בעסטער ארגאן פאר רעקלאמע און אנאנסען וועלכע ווערען רעדאגירט און צוזאמענגעשטעלט דורך ספעציאליסטען!

דאס שטענדיגע רעדאקציע-קאלעגיום אין „ראדאמער עקספרעס" בעשטעהט פון די יודישע שריפטשטעלער און זשורנאליסטען:

אדוו. י. בארנשטיין, ל. ביין, ל. דרייקורס, משה זילבערג, בערנארד זינגער, אפרים זינגער, א. לערמאן, מ. לאטטע, מ. נאדעלמאן, מ. עלבוים, מ. פלאקסער, אהרן צייטלין, אלחנן צייטלין, לאזאר קאהאן, אפרים קאגאנאווסקי, ש. קלעץ, מ. קראיעווסקי, יעקב כוואט, יעקב רייזפעדער, ארנאלד ראזענפעלד

חוץ דעם בעטייליגען זיך סיסטעמאטיש מיט זייערע ארבייטען אין „ראדאמער עקספרעס" פאלגענדע שריפטשטעלער און זשורנאליסטען:

מ. באראבאן, ש. הירשהארן, מאיר הערץ, הרב זלאטניק, זשאק לעווי, אברהם מארעווסקי, ד״ר י. מיליי־קאווסקי, לעא פינקעלשטיין, משה פיינקינד, ד״ר ח. קויפמאן, אברהם רייזען און פיל אנדערע.

„ראדאמער עקספרעס" וועט ערשיינען יעדען טאג 7 פריה און וועט ענטהאלטען 8 זייטען און דער פרייטאג-נומער 16 זייטען!

לעזט, פערשפרייט און שרייבט צו דעם „ראדאמער עקספרעס"

**רעדאקציאנס-קאמיטעט.**

